**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/9/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט 19 נאמינאציעס פאר סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטערס פון היסטארישע ערטער

***ערטער פארטרעטן פארשידנארטיגע היסטאריעס, הייבן ארויס ניו יארק׳ס רייכע ירושה***

***נאמינאציעס רעכענען אריין א ״קעססעל״ אין דער קעטסקילס, א באפעלאו בעקעריי וואס פלעגט מאכן ״וואָנדער ברעד״, א פריצייטיגע אראבישע-שפראך קריסטליכע קירכע אין ברוקלין, און אן אדיראנדעק קאמיוניטי לייברערי***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז דער סטעיט באורד פאר היסטארישע אפהיטונג האט רעקאמענדירט צולייגן 19 פראפערטיס צו דער סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטערס פון היסטארישע ערטער. די נאמינאציעס רעכענען אריין א ״קעססעל״ וואס איז געבויט געווארן דורך פראמינאנטע קעטסקיל בערג פאטאגראפירער/אוויאטאר אטקא היליג; א באפעלאו בעקעריי וואס האט געהאלפן באקאנט מאכן אמעריקע מיט ״וואָנדער ברעד״; א פריצייטיגע אראביש-רעדנדע קריסטליכע קירכע אין ברוקלין; און א קאמיוניטי לייברערי אין די אדיראנדעקס.

ניו יארק׳ס היסטארישע ערטער זענען אומשאצבארע אוצרות וואס העלפט אונז זיך באהעפטן מיט דער פארגאנגענהייט און אונזער סטעיט׳ס רייכע ירושה,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די נאמינאציעס שפיגלען אפ די פאנטאסטישע ברייטקייט פון דער סטעיט׳ס היסטאריע און דער פראמינאנטער ראלע ניו יארק האט געשפילט אין געשעענישן וועלכע האבן געהאלפן פארעמען דעם לאנד. די צוגעלייגטע ערטער צו די היסטארישע רעגיסטערס וועלט העלפן פארזיכערן אז עס זענען פארהאן רעסורסן צו באשיצן די איקאנישע ערטער און אז זייערע געשיכטעס וועלן אונז אינספירירן ביז וויט אין דער צוקונפט.״

ווערן אריינגעשריבן אין דער סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטערס קען ארויסהעלפן אייגנטימער אין ווידער-אויפלעבן פראפערטיס, זיי מאכן בארעכטיגט פאר פארשידענע פובליק פרעזערווירונג פראגראמען און סערוויסעס, ווי צוזאמפאָרן סטעיט גרענטס און סטעיט און פעדעראלע היסטארישע רעהאביליטירונג טעקס קרעדיטס. איבער דער פארלאפענע צענדליג יאר האט דער סטעיט באשטעטיגט דאס באניץ פון רעהאביליטירונג קאמערציעלע טעקס קרעדיט פאר מער ווי 1,000 היסטארישע פראפערטיס, טרייבנדיג מער ווי 12 ביליאן דאלער אין פריוואטע אינוועסטירונג.

״א טייל פון אונזער אויפגאבע דא ביי סטעיט פארקס איז צו העלפן פרעזערווירן און באקאנט מאכן די אומגלויבליכע היסטאריע אין דעם סטעיט,״ **האט געזאגט עריק קולעסייד, קאמישענער פון אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג.** פארזיכערן דאס אנערקענונג פאר אזעלכע פלעצער גיבט רעסורסן וועלכע וועלן העלפן האלטן ביים לעבן די היסטאריע.״

״די לעצטערע נאמינאציעס האלטן אן ווייטער דער דיוויזיע פאר היסטארישע אפהיטונג אנטשלאסנקייט צו דעזיגנירן און שטיצן היסטאריש ערטער וועלכע פארטרעטן די היסטאריעס פון אונזער סטעיט׳ס דיווערס באפעלקערונג,״ **האט געזאגט דעניעל מעקעי, געהילף קאמישענער פאר היסטארישע אפהיטונג ביי סטעיט פארקס.**

**סענאטאר כאזע סעראנא, פארזיצער פון דעם סענאט קאמיטע אויף קולטורעלע אנגעלעגנהייטן, טוריזם, פארקס און פארוויילונג, האט געזאגט,** "ניו יארק איז דער היים פאר פילע וויכטיגע היסטארישע לאקאציעס אין ראיאנען איבער'ן גאנצן סטעיט. די לאקאציעס גיבן געוואלדיגע בילדונג געלעגנהייטן, ווי אויך העכסט-נויטיגע ראיאנישע טוריזם. א דאנק פאר גאווערנער האקול און קאמישענער קולעסייד פאר העלפן אידענטיפיצירן און פרעזערווירן די וויכטיגע ערטער וועלכע האבןביישטייערט צו מאכן ניו יארק אזוי ספעציעל."

א שטודיע דורך דער נאציאנאלע פארק סערוויס אויף דער איינפלוס פון דעם טעקס קרעדיט אויף דזשאבס און טעקס איינקונפט אין ניו יארק סטעיט האט געפונען אז צווישן 2015 און 2019, די קרעדיטס דזשענערעיט'עט 67,578 דזשאבס נאציאנאלע און מער ווי 195 מיליאן דאלערדיגע אין ארטיגע, סטעיט, און פעדעראלע טעקסעס.

דער סטעיט און נאציאנאלע רעגיסטערס זענען די אפיציעלע ליסטעס פון געביידעס, סטרוקטורן, דיסטריקטן, לענדסקעיפס, חפצים, און ערטער באדייטנד אין דער היסטאריע, ארכיטעקטור, ארכעאלאגיע, און קולטור פון ניו יארק סטעיט און דער לאנד.

עס זענען פארהאן מער ווי 120,000 היסטארישע פראפערטיס לענגאויס דעם סטעיט איינגעשריבן אויף דער נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע ערטער, אינדיווידועל אדער אלס שטאנדטיילן פון היסטארישע דיסטריקטן. פראפערטי אייגנטימער, מוניציפאליטעטן, און ארגאניזאציעס פון קאמיוניטיס איבער דעם גאנצן סטעיט האבן ספאנסירט די נאמינאציעס.

איינמאל רעקאמענדאציעס זענען באוויליגט געווארן דורך דער קאמישענער, וועלכער האט סערווירט אלס דער סטעיט'ס היסטארישע אפהיטונג אפיציר, די פראפערטיס זענען אויסגערעכנט אויף דעם ניו יארק סטעיט רעגיסטער פון היסטארישע ערטער און דערנאך נאמינירט, איבערגעקוקט, און איינמאל באוויליגט, אריינגעלייגט אין דער נאציאנאלער רעגיסטער פון היסטארישע ערטער.

מער אינפארמאציע, מיט בילדער פון די נאמינאציעס, איז פארהאן אויף דעם אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג וועבזייטל.

## קאפיטאל דיסטריקט

**קאנסאלידירטע קאר הייצונג קאמפאני קאמפלעקס, אלבאני קאונטי** - פלאצירט אין דער שטאט אלבאני'ס "ווערהאָוס דיסטריקט," דער אינדוסטריעלע ציגעל קאמפלעקס גייט נאך צוריק ביז די 1890'ער יארן און שפיגלט אפ דער שטאט'ס היסטאריע אלס א ראיאנישע רעילראָוד הויפטקווארטיר. דער קאמפלעקס איז ארגינעל געניצט געווארן צו פאבריצירן הייצונג פאר באן קארס, אריינגערעכנט פאר דער מאנהעטן געהויבענע רעילראוד סיסטעם, ווי אויך אזעלכע רעילראוד-פארבינדענע אויסריכטונגען אלס רוף-קנעפלעך און אויטאמאטישע טירן. נאך פראדוצירן ארטילעריע קוילן אין לויף פון דער ערשטער וועלן קריג, איז דער פאבריק געניצט געווארן פאר מאכן טיילווייזע דענטשורס, דענטאל אקריליקס און פלאסטיקס, און אויטא-פאררריכטן הייב-מאשינען.

## פינגער לעיקס

"**לאויערס קאאפעראטיוו פובלישינג קאמפאני" קאמפלעקס, מאנראו קאונטי** - אין לויף פון דער אנהייב 20'סטער יארהונדערט, דער ראטשעסטער-באזירטע קאמפאני האט פיאנערט דער פובליקאציע פון עפארדעבל, גרינג-אויסטיילבארע לעגאלע פובליקאציעס פאר לאויערס און סטודענטן. נאכ'ן זיך ציען צו דער שטאט אין 1901 פון ניו דזשערזי, דער קאמפאני פארברייטערט אין עטליכע געוועזענער מיל געביידעס און געוואקסן צו באשעפטיגן 700 מענטשן אלס דער צווייט-גרעסטער געזעץ-בוך דרוקעריי אין

די פאראייניגטע שטאטן. די פירמע האט ארויסגעצויגן פילע פון אונזער פראדוקציע אפאראציעס צו דער ראטשעסטער סובורבס אין דער 1960׳ער, וועלכס איז פארמאכט געווארן אין 1997. פארמאכט אין 2018, דער קאמפלעקס איז איצט דער טעמע פון א היסטארישע טעקס קרעדיט רעהאביליטירונג.

**גרעגארי טרעק היסטארישע דיסטריקט, מאנראו קאונטי** - א געגנט פון הייזער, ביזנעסער, און רעליגיעזע אינסטיטוציעס, דער אפטייל פון סאוט-איסטערן ראטשעסטער גייט צוריק צו די שפעטע 1840׳ס און פארטרעט באשיידענע מיטל- און ארבעטער-קלאס האוזינג. דער דיסטריקט רעכנט אריין מער ווי 600 סטרוקטורן און איז היינט באקאנט אלס היילענד פארק.

**דזשעי. הונגערפארד סמיט קאמפאני פעקטארי, מאנראו קאונטי** - דער 19׳טער יארהונדערטיגע פאבריק שפיגלט אפ דער אלע-ערלייאיגער אינדוסטריעלע געזיכט פון דער שטאט ראטשעסטער. נאכ׳ן זיין א געוועזענער מעבל פאבריק איז עס פארברייטערט און געניצט געווארן דורך דער דזשעי. הונגערפארד סמיט קאמפאני אין איר פראדוקציע פון פרוכט און פרוכט סירופס פאר געטראנקען און סאדא פאנטענס. א נאציאנאלע פירער אין דער אינדוסטריע, דער קאמפאני האט געשיקט אירע פראדוקטן צו אומגעפער 50,000 הענדלער איבער דער וועלט דורך די 1920׳ס. דער פאבריק איז פארמאכט געווארן אין 1963 און איצט האלט פארשידענע סארטן קאמערציעלע און לייכטע אינדוסטריעלע ביזנעסער און רעזידענשעל אפארטמענטס.

**לעאנדער מעקארד האוזעס היסטארישע דיסטריקט, מאנראו קאונטי** - די פינף טודאר ריוויוועל-סטיל היימען אין דער שטאט ראטשעסטער זענען אלע פלאנירט געווארן דורך פראמינענטע שטאט ארכיטעקט לעאנדער מעקארד און געבויט צווישן 1923 און 1924. די היימען האלטן זייער ארגינעל אינדרויסנדיגע און אינעווייניגע אייגנשאפטן און פרעזענטירן אן ענגליש-אינספירירטע קליינע געגנטל אין דעם מעיפלוואוד געגנט.

### לאנג איילענד

**סט. פאול׳ס מעטאדיסט עפיסקאפעל קירכע, סופאלק קאונטי** - פלאצירט אין דער שיפעריי שטעטל פון נארטפארט, דער קירכע איז געפערטיגט געווארן אין 1873 און פיגורירט איר ארגינעלע מערקווירדיגע קלאסישע ריוויוועל אויסשטעל מיט ראמאנעסק און איטאליענישע עלעמענטן. נאך אלץ אין באניץ היינט, דער קירכע פארטרעט די לענגסטע אנוועזנהייט און איינפלוס פון דער מעטאדיסט רעליגיע אין דער טייל לאנג איילענד.

### מיטל-הודסאן

**היליג קעסעל, סאליוואן קאונטי** - פלאצירט אויפ׳ן שפיץ וואשינגטאן מאונטען נעבן דער ווילעדזש אָוו ליבערטי, דער אייראפעאישע-סטיל שטיינערנע ״קעססעל״ איז פארענדיגט געווארן אין 1937 דורך אטטא היליג, א דייטשע אימיגראנט וועלכער האט געגרייכט רייכקייט און נאציאנאלע פראמינאנץ אלס א פאטאגראפירער פון קעטסקיל לענדסקעיפס פון קליינע עראפלאנען. נאכ׳ן זיין באקאנט אלס דער ״פליענדע פאטאגראפירער״, איז ער געווארן אינטערנאציאנאל באקאנט אין 1931 אלס דער איינציגער פאסאזשירער אויף טראנסאטלאנטישע עראפלאן פלי-רייזע פון די פאראייניגטע שטאטן צו אייראפע דורך א דענישע וואנדערער-פארשטעלער אוויאטאר. דער קעססעל איז אריינגעפאלן אין נאכגעלאזטקייט נאך היליג׳ס טויט אין 1954 אבער ווערט איצט אויפגעראכטן.

**קינגסטאן גאז ענד עלעקטריק קא. בילדינג, אולסטער קאונטי** - געבויט אין 1911, דער געוועזענער יוטיליטי הויפטקווארטיר דירעקטירט דער שטאט׳ס אננעמען פון גאז און עלעקטריק אין לויף פון אנהויב צוואנציגסטער יארהונדערט. עס האט אויך אויף א ווילע פונקציאנירט אלס א ריטעיל פארקויפער פון גאז און עלעקטרישע עפלייענסעס אין א פרואוו צו איבעררעדן וואכיגע קאנסומערס איבערצוטוישן פון אנגעוויזנקייט אויף קויל. דער געביידע איז איצט געניצט פאר ריטעיל און וואוינונג צוועקן.

**דאמעסטיק וואוינונג אין קינגסטאן, אולסטער קאונטי** - דער קאלאניעל ריווייוועל היים איז געבויט געווארן אין 1890, און עס איז צוגעלייגט געווארן דערצו ביז נאך 1914, און היינט אנטהאלט עלעמענטן פון דער קווין ען סטייל און שפיגלט אפ א געגנט באוואוינט דורך דער קינגסטאן׳ס 19׳טע יארהונדערט שטאט׳ס עליט. עס איז ארגינעל געבויט געווארן פאר א פראמינענטע ארטיגע טשארלס די. ברוין.

**אסבורי היסטארישע דיסטריקט, אולסטער קאונטי** - פלאצירט ביים צפון עק פון טאון אָוו סאודזשערטיס, דער 250-עיקערדיגע געגנט איז צוזאמגעשטעלט פון פיר 18׳טע-יארהונדערטע פאַרם פראפערטיס וועלכע באשטייען נאך פון ארגינעלע געביידעס און אגריקולטורעלע לאנד וועלכע גייען צוריק צו דער צייט פון דאס באזעצן פון א פאלאטינע דייטשע פאמיליע אין די 1730׳ער. אלע פיגורירן קאלעכשטיין הייזער אין האלאנדישע קאלאניעל אדער אנהייב רעפובליק סטייל.

**מאוהאק וואלי**

**וואן סלייק האוז, הערקימער קאונטי** - דער גריכישע ריווייוועל סטייל וואוינונג איז געבויט געווארן אין 1860 און באשטייט נאך פון איר ארגינעלע אייגנשאפטן, אריינגערעכנט טיפע קארניזן, קארניז-ריטורנס און ווינקל פילאסטערס, ווי אויך צום מערסטנס אומגעענדערטע אינעווייניגע פלאן און ענדיגן ארבעט. דער רעזידענץ שפיגלט אפ דער ארט׳ס פאַרם היסטאריע, וועלכס האט זיך אנגעהויבן מיט׳ן אנקומען פון דייטשע פאלאטינע אימיגראנטן אין דער 1720׳ער אונטער א קעניגליכע לאנד פאטענט. דער וואוינונג איז אוועקגעצויגן אביסל צו דרום אין 1953 אלס טייל פון קאנסטרוקציע פון דער ניו יארק סטעיט טרו-וועי און סטעיט ראוט S5.

**עוואנגעלישע לוטעראנישע קירכע, אטסעגא קאונטי** - דער הילצערנע קירכע איז געבויט געווארן אין 1839 אין דער גריכישע ריווייוועל סטייל, און איז רענאווירט געווארן אין 1887 אריינצורעכענען גאטהישע ריווייוועל עלעמענטן. דער קירכע איז געבויט געווארן פאר דער ארטיגע קאמיוניטי און איז געווען פארבינדן מיט ״הארטוויק סעמינערי״, דער ערשטער לוטעראנישע סעמינערי אין די פאראייניגטע שטאטן, גע׳טשארטער׳ט אין 1815.

**ניו יארק סיטי**

**סט. פיטער׳ס פראטעסטאנטישע עפיסקאפעל קירכע, ברוקלין** - דער קירכע - היינט דער סט. ניקאלאס אנטיאכישער ארטאקאסישע קאטעדראל - איז א טייל פון דער אנטיאכישער ארטאדאקסישע קריסטליכע ארכידיאזיס און האט געשפילט א הויפט ראלע אין שטיצן דער אראביש-רעדנדע ארטאדאקסישע קריסטריכע קאמיוניטי אין ברוקלין דורכאויס דער אנהייב 20׳סטע יארהונדערט. סיריאנער און לעבאנעזער אימיגראנטן וועלכע האבן צום ערשט געפארמט א קאנגרעגעישען אין מאנהעטען אין 1895 און געצויגן צו ברוקלין עטליכע יאר שפעטער און געקויפט דער פריערדיגער פראטעסטאנטישער עפיסקאפעל קירכע אין 1920. עס איז דער עלצטע אנטיאכישע ארטאדאקסישע קריסטליכע קירכע אין אנגייענדע באניץ אין צפון אמעריקע.

**נארט קאנטרי**

**״מאונטענסייד פרי לייברערי״, ווארען קאונטי** - דער פשוט׳ע הילצערנע קאמיוניטי לייברערי אין די אדיראנדעקס, אין די טאון אָוו קווינסבורי, אין דער לעיק דזשארדזש/דאנהעם בעי ראיאן, אין אפעראציע זינט איר קאנסטרוקציע אין 1904, איז געגרינדעט געווארן דורך א ראיאנישע שרייבער, היסטאריקער, און לערער עדווארד עגעלסטאן.ביישטייערן א טייל פון זיינע פערזענליכע ביכער צו דער לייברערי פראיעקט, דער שרייבער איז געווען א ראיאנישע ראמאניסט וואס האט געשריבן וועגן דער אמעריקאנער פראנטיער

דורכלעבעניש. זיין דערבייאיגער היים, ״אוועל׳ס נעסט״, איז דעזיגנירט א נאציאנאלע היסטאריש מערקפונקט אין 1971. די לייברערי איז לאנג געפירט דורך וואלונטירער און האט נישט קיין געצאלטע שטאב.

**קירכע פון דער אסענציע טשעפעל און רעקטארי, פרענקלין קאונטי** - פלאצירט אין דער אדיראנדעק האמלעט פון ״סאראנאק אין״, דער דארפישער קלעצערישע קירכע איז געפערטיגט געווארן אין 1884 און שפיגלט אפ דער גאטהישער ריווייוועל סטייל. דער קירכע איז געווען אין אפרוף צו דער פאפולעריטעט פון טוריזם צו דער דערנעבנדע ״סאראנאק אין״, ארגינעל גערופן דער ״פראספעקט האוס רעזארט״, וועלכס עקזיסטירט מער נישט. עס איז פארברייטערט געווארן אין 1903 און פארמאגט וויטראזש פענצטערביישטייערט דורך באזוכנדע פאמיליעס וועלכע האבן פארברענגט זומערס אין דעם געגנט. א באשיידענע הילצערנע קרעפטסמען סטייל כאטקע דינט אלס דער רעקטאריע.

**דרום טייל**

**מעין סטריט היסטארישע דיסטריקט, ברום קאונטי** - דער דאזיגער ניין-בלאק ארט אין דער שטאט בינגהעמטאן גייט נאך צוריק ביז צווישן 1870 און 1940, און אנטהאלט א געמיש פון קאמערציעלע, רעזידענשעל ציוויל, און רעליגיעזע ארכיטעקטור. עס אנטהאלט זיבן בנינים שוין פון פריער אויף דער נאציאנאלע רעגיסטער פון היסטארישע פלעצער.

**מערב ניו יארק**

**״קאנטינענטעל בעיקינג קאמפאני פעקטארי״, ערי קאונטי** - דער אינדוסטריעלע בעקעריי איז געבויט געווארן אלס דער הויפטקווארטיר פון דער ״ווארד ענד ווארד״ בעיקינג קאמפאני אין 1915, און געהאלפן באקאנט מאכן ״וואנדער ברעד״ פאר אמעריקע אין 1925. שפעטער האט דער פאבריק פראדוצירט גע׳סלייס׳ט וואנדער ברעד, און געהאלפן שאפן דער פראזע ״דער בעסטער זאך זינט סלייסט ברעד.״ ביים שפיץ האט דער איינריכטונג געקענט פראדוצירן ביז 6,000 טייעלעך א שעה אין איר מאסיווע אויוונס. דער בעקעריי האט זיך פארמאכט אין 2004 נאך וואס איר מוטער-פירמע האט גע׳פייל׳ט פאר באנקראטיר. דער פראפערטי ווערט איצט רעהאביליטירט אונטער דער היסטארישער טעקס קרעדיט פראגראם.

**״פעראוי מאלטינג קאמפאני״ איינריכטונג (״אמעריקען גרעין קאמפלעקס באונדערי עקספענשען״), ערי קאונטי** - אמעריקען גרעין איז צום ערשט איינגעשריבן געווארן אין דער נאציאנאלע רעגיסטער אין 2012, און ווערט פארברייטערט אריינצורעכענען דער דערנעבנדער ״פעראוי מאלטינג קאמפאני״ איינריכטונג, וועלכס שפיגלט אפ דער שטאט׳ס אנהייב צוואנציגסטע יארהונדערט שטייגונג אין דער תבואה פראצעסירן און שיפינג אינדוסטריע, ווי אויך אלס מאלטינג און ביער שאפן. דער איינריכטונג, וועלכע שטייט נאך אינגאנצן, גייט צוריק ביז 1906, און נעמט אריין דער תבואה עלעוועיטער, מאלטהויז, און רעילראוד רעלסן. דער אויסריכטונג איז גענוצט געווארן פאר פראדוקציע פון דזשענעסי ביער אנגעהויבן אין 1984, און איז פארשלאסן געווארן אין די אנהייבן 2000׳ערס, און ווערט איצט רעהאביליטירט אונטער דער היסטארישער טעקס קרעדיט פראגראם.

**סט. דזשאן קענטי רוימישע קאטוילישע קירכע קאמפלעקס, ערי קאונטי** - דער קאמפלעקס אין באפעלאו איז צום ערשט געבויט געווארן אין 1891, און גענוצט געווארן ביז 1966. עס אנטהאלט א גאטהישע ריווייוועל קירכע, א פעדעראלע ריווייוועל רעקטאריע, א קאנוועגט, און א ליציום (לעקציע זאל). איר וואוקס שפיגלט אפ דער וואוקס פון דער פוילישע אימיגראנט קאמיוניטי אין דער שטאט׳ס איסט סייד געגנט פון די שפעטע 19׳סטע ביז אנהייב 20׳סטע יארהונדערט. ביי דער צייט פון דער קירכע׳ס קאנסטרוקציע זענען געווען ארום 80,000 פוילישע איינוואוינער אין דער געגנט, וועלכס האט געמאכט באפעלאו׳ס ״פאלאניע״ איינע פון די גרעסטע פוילישע קאמיוניטיס אין די פאראייניגטע שטאטן.

ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג האט אויפזיכט איבער 250 פארקס, היסטארישע ערטער, פארוויילונגס וועגלעך, און שיף ארויספאר פונקטן, וועלכע זענען באזוכט געווארן דורך א רעקארד 78 מיליאן מענטשן אין 2020. א לעצטנסדיגע אוניווערסיטעט שטודיע האט געפונען אז דאס שפענדן ביי סטעיט פארקס דורך באזוכער שטיצט 5 ביליאן דאלער אין פראדוקציע און פארקויף, 54,000 פריוואטע סעקטאר דזשאבס, און מער ווי 2.8 ביליאן דאלער אין צוגעגעבענע סטעיט GDP. פאר מער אינפארמאציע אויף סיי וועלכע פון די פארוויילונג ערטער, רופט 518-474-0456 אדער באזוכט parks.ny.gov, פארבינדט אייך אויף פעיסבוק, אדער פאלגט נאך אויף טוויטער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן